# אזהרה רבה ואיסור גמור

## מגאוני אירופה וארץ ישראל

ב״ה (תרפ״ה-תרפ״ו)

רעדה אחזתנו לשמוע כי נפרץ פרץ במקדשי ה׳ בין אחינו שבאמריקא, לבנות בתי כנסיות בעד אנשים ונשים יחד. והלא כבר הכריזו על כגון זה גאוני קדמאי איסור וחרם. ומי זה אשר ירהיב בנפשו לעבור על דבריהם אשר הם כגחלי אש. חלילה לעם ה׳ להטיל מום בקדשים! פגול הוא לא ירצה. והחוב על כל מי אשר יראת ה׳ בלבבו לעמוד בפרץ עד כמה שאפשר ולמנוע המכשול מישראל.

וכל אשר ישמעו לדברי ה׳ אלה יתברכו מה׳ השוכן בציון לחזות בנועם ה׳ בבנין בית המקדש בשוב ה׳ שבותו אכי״ר.

נאם ישראל מאיר הכהן מראדין, בעהמ״ח חפץ חיים ומשנה ברורה
נאם חיים עוזר גראדזענסקי מווילנא, בעהמ״ח אחיעזר
נאם אברהם דובער שפירא הכהן האב״ד קאוונא, בעהמ״ח ב״א
נאם יחזקאל ליפשיץ אבד״ק קאליש, בעהמ״ח המדרש והמעשה
נאם אברהם יצחק הכהן קוק, רב ראשי דירושלם עיה״ק
נאם יצחק ירוחם דיסקין מירושלם עיה״ק
נאם מאיר אראק, אב״ד טארנא בעהמ״ח טל תורה ומנחת קנאות
נאם אברהם יצחק הכהן בורשטיין, אב״ד טאוריג
נאם ד״ר מאיר הילדעסהיימער, הרב דבערלין.

דער בית הכנסת פון קדמונים אן ווערט געבויט מיט א **פרויען שוהל-אבטהיילונג ספעציעל**, אין דער פארמע פון א גאלערי, אדער א וואנט צווישען, וואס איז באזירט **אויפ'ן דין תוה״ק שבכתב ובע״פ** — און דאס איז געווען אפילו ווען די פרויען זיינען געווען אנגעטאן לפי חקי הצניעות, מיט גאנצע מלבושים, זאגאר די קאפ מיט'ן פנים איינגעהילט, — און די תפלה איז געווען מתוך כבד ראש ויראת ה׳. ווער רעדט אין אונזער דור, וואס די מלבושי הנשים זיינען בעו״ה פרוץ מרובה, און וואו עס קומען זיך צונויף מענער מיט פרויען קריגט עס א וואולגארע טעאטער אטמאספערע — פארשטעהט זיך אז נור דורך **א באזונדער פרויען אבטהיילונג** קען דאס הייסען **א בית תפלה לה׳.**

זאגאר די עקסטרים רעפארמער אין דייטשלאנד און אונגארן האבען ניט געוואגט צו צושטערן די שוהל מחיצה. זיי האבען זי נאר עטוואס פארקלענערט און מאדערניזירט, האט עס אויך אויפגעשטורעמט די אידישע וועלט אין זייער צייט און פלאץ, וואו מען איז ארוים מיט איסורין און חרמות.

ליידער איז אין אונזער פרייער אמעריקא לעצטענס געווארען אן עפידעמיע צו אויסמישען אנשים ונשים בבתי הכנסת — און נאך אין איצטיגער הלבשה — איז דאס פשוט די רואין פון אידישע צניעות, און די פארשוועכונג פון דעם פארבליבענעם הייליגען אידישען ווינקעל — די שוהל און בית הכנסת — עס איז דאצו נאך זעהר טרויעריג וואס אויך די שוהלען וועלכע קליימען צו זיין ארטאדאקסיש, ווערען אנדערע פון זיי אויך אנגעשטעקט מיט דיזער מיאוסער חולאת.

מיר גיבען א ווארנונג צו אלע אידען, אז עס איז אן איסור גמור וחמור להתפלל אנשים ונשים ביחד. עס איז פיעל בעסער צו מתפלל זיין ביחידות, אויב עס איז ניט פאראן א ריכטיגע כשר'ע שוהל. עס איז אויך אן איסור צו העלפען די מהרסים וואס בויען אזעלכע שוהלען בעד אנשים ונשים ביחד, ועליהם הכתוב אומר וישכח ישראל את עושהו ויבן היכלות.

די אויבענדערמאנטע גאונים פון ארץ ישראל און יוראפ ערינערן דעם חרם און בעשטעטיגען דעם איסור

מה טובו אהליך יעקב — ווי גוט עס זיינען די ריכטיגע אידישע הייליגע שוהלען. געבענשט זאלען זיין די מתפללים און שטיצערם פון די הייליגע שוהלען. דער זכות פון אונזערע הייליגע אבות וועט זיי בעשיצען און זיי וועלען געבענשט ווערען בכל טוב און זוכה זיין צו דער גאולה שלמה ובנין בית המקדש בב״א.

**אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה.**

מיר זיינען אויך מזהיר געגען דעם שרעקליכען פארברעכען פון חלול שבת בפרהסיא, דורך פארקויפען טיקעטס אין און ארום די שוהלען אום שבת און יום טוב, און דאס גלייכען, און קעגען אנשטעלען פאר בעלי תפלה גאנצע און האלבע אקטיארען — ולהשומע יונעם ותבא עליו ברכת טוב.

אלול, תרצ״ז.

The synagogue, since time immemorial, has had a special ladies section, in the form of a gallery or a partition, as required by our Holy Laws. Furthermore, this was in periods when women were dressed in a more modest way, even their heads and faces being covered. Prayers were then said in earnestness and fear of God. Particularly these days, when feminine attire is less modest, and wherever ladies and men come together the synagogue assumes a vulgar theatrical atmosphere, is it obvious that only by having a special section for women, will the synagogue be a House of God.

Even the extreme reformers in Germany and Hungary did not dare to abolish the synagogue partition. They only made it smaller and modernized it, but even that step aroused a storm of protest in the Jewish world of that time, and a ban was proclaimed against it.

Unfortunately there has lately broken out in our free America an epidemic of having men and women sit side by side in the synagogue—and with the present form of women's wear it is the ruin of Jewish modesty and the disgrace of our holy house of worship. Moreover, it is very grievous that even certain congregations which claim to be orthodox are deviating from our law in this matter.

We therefore warn all our brethren that it is absolutely forbidden for men and women to sit side by side in the synagogue, without a women's gallery or partition. One should rather pray at home than in a synagogue which does not observe this regulation. It is also forbidden to aid the destroyers of our tradition, who are building synagogues for men and women together; and our prophet refers to such people when he says: "And Israel has forgotten his Creator and has built palaces."

The greatest rabbinical authorities of our generation have repeated the validity of the above mentioned ban and have appealed to our observant Jews to adhere to it.

מה טובו אהליך יעקב—Blessed be those who pray in and support our holy synagogues. May the merits of our holy fathers shield them, and may they be blessed with happiness and live to witness the rebuilding of our holy Temple.

UNION of ORTHODOX RABBIS of
the UNITED STATES and CANADA

We also wish to warn against the desecration of the Holy Sabbath by selling tickets in and near the synagogues on Saturdays and Holy Days, and also against employing actors as cantors.

ב"ה

# A WARNING AGAINST REFORMS

The introduction of certain innovations which violate Jewish law and tradition prompts us to issue this Public Statement concerning Mechitzoth, Microphones and the Clamps.

## MECHITZOTH

1) JEWISH LAW FORBIDS Men and Women to worship in the same Section of the Synagogue, even though they occupy seperate benches.

2) THERE MUST BE A PROPER PARTITION — MECHITZAH — between the Men's and Women's sections of the Synagogue. A proper Mechitzah is one that meets the requirements of Jewish Law. To determine this, competent Orthodox Rabbis — Rabbonim Muvhokim — should be consulted.

3) A SYNAGOGUE WHICH DOES NOT HAVE A PROPER MECHITZAH IS NOT A KOSHER SYNAGOGUE, AND IT IS NOT PERMITTED TO PRAY THERE.

4) It is not allowed to give any support, moral or financial, to any synagogue which has no proper MECHITZAH.

5) If a person lives in an area, where there is only a synagogue without a MECHITZAH, he should endeavor to organize a Minyan in a private home, and if this is impossible, he should pray without a Minyan rather than attend services in a non-Kosher synagogue.

Over twenty five years ago the greatest and most eminent Rabbis of that time addressed a SPECIAL PLEA to American Jewry to observe strictly the laws of MECHITZOTH, and thereby preserve the sanctity of the synagogue. The following Geonim and Tzadikim signed the plea:

THE CHOFETZ CHAIM—RABBI ISRAEL MEIR HACOHEN OF RADIN.
RABBI CHAIM OZER GRODZENSKY of Wilno.
RABBI DUBER SHAPIRO HACOHEN, Chief Rabbi of Kowno.
RABBI YECHEZKEL LIFSHITZ, Chief Rabbi of Kalish.
RABBI ABRAHAM ISAAC HACOHEN KOOK, Chief Rabbi of Jerusalem.
RABBI YITZCHOK YERUCHEM DISKIN of Jerusalem.
RABBI MEIR ARAK, Chief Rabbi of Tarno.
RABBI ABRAHAM ISAAC HACOHEN BURSTEIN, Chief Rabbi of Tawrig.
RABBI DR. MEIR HILDESHEIMER, Rabbi of Berlin.

## MICROPHONES

A BETH DIN of eminent Rabbinical authorities, appointed by the AGUDATH HARABONIM, issued the following ISSUR, to which the Agudath Harabonim fully subscribes:

1) IT IS FORBIDDEN TO USE THE MICROPHONE ON SHABBOS AND YOM TOV.

2) IT IS PROHIBITED TO TURN IT ON OR OFF ON SHABBOS AND YOM TOV. It is also prohibited to use the Microphone on Shabbos and Yom Tov, even if it was turned on before Shabbos and Yom Tov.

THE AGUDATH HARABONIM calls upon all Congregations and all Torah-true individuals to be on guard against CHILLUL SHABBOS AND YOM TOV in general and especially against the use of the Microphone on Shabbos or Yom Tov. Such use is a flagrant violation of Jewish Law and a desecration of the sanctity of the synagogue.

## CLAMPS

The Convention of the AGUDATH HARABONIM held in KISLEV 5711, unanimously adopted the following decision:

1) IT IS OSSUR AND PROHIBITED TO USE THE "CLAMP" in any way in the CIRCUMCISION OF JEWISH CHILDREN.

2) THIS ISSUR applies equally to the MOHEL, the PARENTS OF THE CIRCUMCISED CHILD, and to the Hospitals or other places where the Circumcision takes place.

3) Whoever will use the CLAMP in the Circumcision of Jewish children after the publication of this ISSUR will be considered a VIOLATOR and desecrator of the Abrahamic Covenant.

4) Whoever will use the CLAMP on the SABBATH henceforth will be considered as a desecrator of the Holy Sabbath in public.

The AGUDATH HARABONIM hopes that our people will abide by these instructions, and preserve the foundations of Jewish life and assure the continuity of Torah true Judaism in America.

AGUDATH HARABONIM
(Union of Orthodox Rabbis of U.S. and Canada)

# אזהרה רבה ואיסור גמור

די אגודת הרבנים ווארנט דעם אידישען פובליקום געגען די רעפארמען וועלכע האבען לעצטענס אננעפאנגען אריינדרינגען אין דער אידישער נאס און אין געוויסע שוהלען. צוליב דער ערנסטקייט פון דער לאגע געפינען מיר פאר נויטיג ארויסצוגעבען די פאלגענדע **אזהרות**:

## מחיצות

1) **דער דין פארבאט** מענער און פרויען מתפלל צו זיין אין דער **זעלבער סעקציע** פון דער שוהל, אפילו ווען זיי זיצען אויף באזונדערע בענק. יעדער שוהל — „בית תפלה" — **מוז האבען א ריכטיגע מחיצה** צווישען די מענער סעקציע און דער פרויען סעקציע, באשטעהענדיג פון א וואנט אדער א גאלערי.

2) **א שוהל וועלכע האט ניט קיין מחיצה** צווישען די אפטיילונגען פאר מענער און פרויען **איז נישט קיין כשר'ע שוהל, און על פי דין טאר מען אין אזא שוהל נישט דאווענען.**

3) אידען וועלכע וואוינען אין א געגענט, וועלכע האט נישט קיין כשר'ע שוהל מיט א נעהעריגע **מחיצה**, דארפען ארגאנזירען א מנין אין א פריוואטע הויז אויב מעגליך, און אויב ניט, דאווענען ביחידות אין זייערע הייזער. אבער **בשום אופן** זאלען זיי נישט דאווענען. אין א פלאץ וועלכער האט נישט קיין געהעריגע **מחיצה**.

4) **מען טאר נישט** זיין קיין מעמבער אין א קאנגרעגיישאן, וועלכע האט נישט קיין געהעריגע **מחיצה** אין איהר שוהל, און מען טאר זי אויך נישט שטיצען מאראליש אדער פינאנציעל.

מיט איבער פינף און צוואנציג יאהר צוריק האבען די **גרעסטע גאונים צדיקים** פון יענער צייט זיך גענווענדעט מיט א **ספעציעלער פארערונג** צום אמעריקאנער אידענטום אפצוהיטען שטרייננג די **מחיצה** אין די שוהלען און נישט דערלאזען קיין שום פארשוועכונג פון דער קדושה פון שוהל.

די פאלגענדע גאונים וצדיקים ז"ל האבען זיך גע'חתמ'עט אויף דעם אויפרוף:

דער חפץ חיים, ר' ישראל מאיר הכהן מראדין.
ר' חיים עוזר גראדזענסקי מווילנא.
ר' אברהם דובער הכהן שפירא, אב"ד דקאוונא,
ר' יחזקאל ליפשיץ, אב"ד דקאליש.
ר' אברהם יצחק הכהן קוק, רב ראשי דירושלים עיה"ק.
ר' יצחק ירוחם דיסקין מירושלים.
ר' מאיר אראק, אב"ד טארנא.
ר' אברהם יצחק הכהן בורשטיין, אב"ד טאורוג.
ד"ר מאיר הילדעסהיימער, הרב דבערלין.

## מיקראפאן

**א בית דין** פון באוואוסטע רבנישע אויטאריטעטען, באשטימט פון **אגודת הרבנים**, האט ארויסגעגעבען דעם פאלגענדען **איסור**, וועלכע די אגודת הרבנים שטיצט און ענדארסירט פולשטענדיג:

1) **מען טאר נישט נוצען דעם מיקראפאן שבת און יום טוב.** דאס איז אן **איסור גמור.**

2) **סיי דאס עפענען און דאס פארמאכען דעם מיקראפאן**, און סיי דאס **רעדען** אדער **זינגען** דורכ'ן מיקראפאן **איז שטרענג פארבאטען שבת און יום טוב.** עס איז **אסור** צו נוצען שבת און יו"ט דעם **מיקראפאן** אפילו ווען עס שטעהט אפען פון ערב שבת און ערב יו"ט.

די **אגודת הרבנים** פאדערט אויף אלע תורה טרייע אידען און איבערהויפט אלע חברות און שוהלען צו פארמיידען דעם **חלול הקודש** און **חלול שבת ויו"ט**, וועלכער ווערט פאראורזאכט דורך דעם נוצען פון מיקראפאן שבת ויו"ט. פארשוועכט נישט אייערע שוהלען דורך דעם!

## קלעמפס

די קאנווענשאן פון **אגודת הרבנים** וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען אין **כסלו תשי"א** האט איינשטימיג אנגענומען די פאלגענדע החלטה:

1) עס איז **אסור צו באנוצען א „קלעמפ"** אויף אלע אופנים ביים **מל זיין אידישע קינדער.**

2) **דער איסור** באציהט זיך סיי אויף דעם **מוהל**, סיי אויף די **עלטערן פון קינד**, און סיי אויף די האספיטעלער און אנדערע פלעצער וואו דאס קינד ווערט גע'מל'ט.

3) ווער עס וועט זיך באנוצען מיט א **„קלעמפ"** ביים מל זיין אידישע קינדער נאך דיזער מודעה פון איסור, וועט באטראכט ווערען אלס אן עברין און אלס א מפיר קדושת בריתו של אברהם אבינו.

4) ווער עס וועט זיך באנוצען **שבת** אדער **יו"ט** מיט א קלעמפ נאך דיזער מודעה פון איסור, וועט בעטראכט ווערען אלס א **מחלל שבת אדער יו"ט בפרהסיא.**

די **אגודת הרבנים** ערווארט אז אלע תורה טרייע אידען וועלען אכטען און אויספאלגען אונזערע אזהרות און דערמיט אויפהאלטען די יסודות פון דעם אידישען לעבען און פארזיכערן דעם המשך פון תורה אידענטום.

בברכת התורה,

אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה